בעזרת השם יתברך

פרשת
ואתחנן נחמו
טו מנחם-אב
שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 2, גליון 31
(46)

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מְבָּעֶרְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

און דֶער בֶּערְגֶער. דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גִיטָאן אַזוֹי אַזַאךְ. און דֶערְצוּ אִיז עֶר עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן (בַּיי שְׁטַאנֶען בַּיי דֶער פְּרוּב) מִיט אִיר (דְהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט און הָאט זִי נִיט אָנְגִירִירְט) דֶערְפַאר אִיז עֶר נִפְקַד גִיוָוארִין (דְהַיְינוּ גִידַאכְט גִיוָוארִין בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ) און עֶר הָאט גִיהַאט דָאס יָאר אַ זוּן, און זִי אוֹיךְ דְהַיְינוּ דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ דֶערְפַאר וָואס זִי אִיז בַּאשְׁטַאנֶען אִין אַזוֹי אַ נִיסָּיוֹן מִיט דֶעם יֶעדְנִירַאל און מִיט אִים. דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גִיוֶועז און זִי הָאט גִיהַאט אַ טָאכְטֶער.

## אַ יְשׁוּעָה דוּרְךְ דֶעם נִסָּיוֹן

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט פָאריגֶע וָואךְ פוּן דֶעם אַז בֵּיידֶע הָאבְּן יֶעצְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָּיוֹן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, יְשׁוּעָה, אות טז): **"כְּשֶׁאָדָם בָּא לְאֵיזֶה נִסָּיוֹן, יֵדַע כְּשֶׁיַּעֲמוֹד בְּזֶה הַנִּסָּיוֹן, שֶׁהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ נֵס"**, וֶוען עֶס קוּמְט אַ נִסָּיוֹן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר וִויסְן אוֹיבּ וֶועט עֶר בֵּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָּיוֹן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מַאכְן אַ נֵס; דֶערְפַאר, וִוִיבַּאלְד בֵּיידֶע זֶענֶען בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָּיוֹן זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, בַּיים בֶּערְגִיר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ זוּן און בַּיים אָרֶעמַאן אַ טָאכְטֶער.

צוּמָאל וַוארְט אַ מֶענְטְשׁ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער אָדֶער מִיט גֶעזוּנְט וְכַדוֹמֶה, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לַאנְגֶע טֶעג, וָואכְן און יָארְן, און עֶר זֶעט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, עֶר שְׁטֵייט און וַוארְט 'וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן?' דַארְף עֶר וִויסְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין דֶערְגְרַייכְן צוּ דִי צָאל תְּפִלּוֹת אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶרְוַוארְט פוּן אִים - וֶועט עֶר אָבֶּער קוֹדֶם דַארְפְן דוּרְכְגֵיין אַ 'נִסָּיוֹן', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים קוֹדֶם אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין נִסָּיוֹן, און דַאן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ טַאקֶע שְׁטַארְקְן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְוַוארְטֶעטֶע יְשׁוּעָה.

דִי שְׁוֶוערְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי נִסָּיוֹן אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט

<<<

## חִינוּךְ וִוינְקֶל

מַסֶּכֶת יוּמָא דַף ט' [חֵלֶק ב]

### שְׁוֶועבְּל אוּנְטֶער זַיינֶע פִּיס...

מַאכְטְס עֶנְק חֶבְרוּתוֹת צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא, לֶערְנְט אַבִּיסְל גְּמָרָא. גְּמָרָא - דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶעס; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל: "דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען בֵּיישְׁטֵיין דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס טוּן - נָאר נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי גְּמָרָא, עֶר צִיטֶערְט פוּן דִי גְּמָרָא וַוייל דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי דוּ נֶעמְסְט אַ שְׁוֶועבְּל און לֵייגְסְט עֶס אוּנְטֶער זַיינֶע פִּיס, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפְּרִינְגֶען". דֶער יֵצֶר הָרָע זָאגְט: "טוּ דָאס און טוּ יֶענְץ - נָאר נִישְׁט גְּמָרָא".

### אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם דָזְשׁאוּק...

קוּמְט צוּם שִׁיעוּר גְּמָרָא, וִוילַאנְג נֶעמְט דֶען צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא? צֶען מִינוּט! אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ אַרָאפּ נֶעמֶען דִי דָזְשׁאוּק; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס לֶערְנְט פָאר דֶעם שִׁיעוּר עֶר זָאל מַאכְן אַ דָזְשׁאוּק יֶעדְן טָאג נָאכְ'ן שִׁיעוּר, אָבֶּער אוֹיבּ נֶעמְט עֶס צוּלִיבּ דֶעם צוּ לַאנְג, מֵיין אִיךְ עֶר זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם דָזְשׁאוּק...

### וָואס טוּט מֶען אַז מֶען אִיז פַארְיָאגְט?

אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס טוּט מֶען אַז מֶען אִיז פַארְיָאגְט אַ גַאנְצְן טָאג, וִוי קֶען מֶען לֶערְנֶען?!" דוּ וֵוייסְט וִוי שְׁוֶוער מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן? אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַלְס קִינְד בַּיי מַיין זֵיידֶע זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קַארְלְסְבּוּרְג, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס הֵייסְט אַרְבֶּעטְן; אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען יֶעדֶער זָאל שְׁלָאפְן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג, קוּם אִיךְ אַלְס קִינְד אָן אִין שׁוּל צוּם דַאוֶוענֶען אוֹיסְגֶערוּהֶטֶערְהֵייט, און אִיךְ זֶע וִוי גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן - יֶעדֶע וָואךְ אִיז עֶס גֶעוֶוען דִי זֶעלְבֶּע מֶענְטְשְׁן - שְׁלָאפְן בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט דָאס צוּ זֶען, אֵיינְמָאל אִיז דִי קָאפּ גֶעוֶוען אוֹיף אַרָאפּ - דֶעמָאלְט אִיז נָאךְ גוּט וַוייל דִי מוֹיל אִיז דָאךְ פַארְמַאכְט, אָבֶּער אַפָּאר מָאל אִיז דִי קָאפּ גֶעוֶוען אוֹיף אַרוֹיף - דֶעמָאלְט אִיז דִי מוֹיל גֶעוֶוען אָפְן, און צוּמָאל אִיז דִי שְׁטְרַיימְל אַרָאפְּגֶעפַאלְן... הָאבּ אִיךְ אַלְץ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר מִן הַסְּתָם גֵייט עֶר זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן בַּיי 'לְכָה דוֹדִי' אָדֶער כָאטְשׁ וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר זָאל מֶען קְלַאטְשֶׁען שְׁטִיל כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן, אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר זִיךְ יָא אוֹיפְגֶעוֶועקְט בַּיי 'לֹא תֵבוֹשׁוּ' און אַסַאךְ מָאל נִישְׁט; אִיךְ הָאבּ נָאךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס הֵייסְט אַז אַ אִיד קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ פַארְוָואס קוּמְט עֶר בִּכְלַל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ? זָאל עֶר אַהֵיים גֵיין שְׁלָאפְן!

נִישְׁט אַז זַיין יְשׁוּעָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען מֶעלְדְט אִים נִישְׁט פָּארְאוֹיס פוּן הִימְל אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם נִסָּיוֹן וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, דֶערְפַאר אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ; אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִיבֶּער זַיין נִסָּיוֹן - דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ זַיין עֶרְוַוארְטֶעטֶע יְשׁוּעָה אוּן אוֹיבּ עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער זַיין נִסָּיוֹן חַס וְשָׁלוֹם - דַאן וֶועט עֶר נָאךְ דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן זַיין יְשׁוּעָה צוּלִיבּ זַיין נִסָּיוֹן, עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט ... אוּן הֶעלְף מִיר אוֹיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן בֵּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָּיוֹן וָואס גֵייט קוּמֶען אוֹיף מִיר אֵיידֶער אִיךְ וֶועל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן".

אַוַודַאי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְנָאךְ; אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָּיוֹן עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעבְּט מֶען אִים פוּן הִימְל שְׁטֶענְדִיג נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם נִסָּיוֹן, אוּן וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין יְשׁוּעָה.

אוּן זִי אִיז גִיוֶוען אַ פַארְשׁוֹין זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶע פַארְשׁוֹין וָואס סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט נִיט גִיוֶוען. וָוארִין צְווִישְׁן מֶענְשְׁן זֶעהְט מֶען גָאר אַזוֹי אַ שֵׁיינְקֵייט נִיט. דִי וֶועלְט פְלֶעגְט זָאגִין הַלְוַאי סֶע זָאל אוֹיס וַואקְסִין. (וָוארִין אַזוֹי אַ ווִילְד חִידוּשׁ אִיז שְׁוֶוער אַז סֶע זָאל אוֹיס וַואקְסִין) וָוארִין אִיר שֵׁיינְקֵייט אִיז גִיוֶוען גָאר ווִילְד. וָואס מְזֶעהְט אַזוֹינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט.

## הַלְוַאי זִי זָאל אוֹיסְוַואקְסְן

אִיךְ זֶע אַז מֶען דַארְף פוּן דֶעם אוֹיךְ רֶעדְן, אַז מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט דֶערְפוּן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס יָא אוּן וָואס נִישְׁט; עֶס מַאכְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גָאר אַ גֶעלוּנְגֶען קִינְד, זַיין זוּן אָדֶער טָאכְטֶער הָאט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע טַאלַאנְטְן, עֶר קֶען שֵׁיין זִינְגֶען אָדֶער אַנְדֶערֶע מַעֲלוֹת, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, אִים נִישְׁט אַרוֹיפְשְׁטֶעלְן בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִין דִי הֵייעֶך עֶר זָאל זִינְגֶען וְכַדוֹמֶה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּפִיל לוֹיבְּן אוּן רוּמֶען אַ קִינְד; אַוַודַאי דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרוּמֶען, וִוי וואוֹיל זֵיי זֶענֶען, וִוי שְׁטַארְק מֶען אִיז צוּפְרִידְן פוּן זֵיי, אָבֶּער צוּפִיל לוֹיבְּן אוּן רוּמֶען נֶעמְט אַוֶועק דָאס נַאטוּרְלִיכֶע וֶועג פוּן וַואקְסְן, אַ קִינְד קֶען נִישְׁט אַזוֹי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט. דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי דָא אַז זֶעעֶנְדִיג אִיר וואוּנְדֶערְלִיכֶע שֵׁיינְקֵייט פְלֶעגְט מֶען זָאגְן: "הַלְוַאי זִי זָאל אוֹיסְוַואקְסְן", וַוייל מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּפִיל לוֹיבְּן אוּן רוּמֶען אַ קִינְד, וָואס דָאס קֶען אִיר שָׁאטְן.

פְלֶעגְט דִי וֶועלְט אַרַיין גֵיין אוּן פְלֶעגִין קוּמֶען זִי זֶעהְן. אוּן פְלֶעגִין זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערִין אוֹיף אִיר שׁוֹינְקֵייט וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר ווִילְד גִיוֶוען אוּן פְלֶעגִין אִיר שֶׁענְקֶען מַתָּנוֹת אַלֶע מָאל מַחְמַת לִיבְּשַׁאפְט אוּן זֵיי הָאבִּין אַזוֹי אַלְץ גִישֶׁענְקְט מַתָּנוֹת. בִּיז דֶער אָרוּם מַאן אִיז רַייךְ גִיוָוארִין.

וָואס מֵיינְט אַז עֶר אִיז רַייךְ גֶעוָוארְן, אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַסַאךְ גֶעלְט? נֵיין! נִישְׁט דָאס מֵיינְט רַייךְ, וַוייל גֶעלְט קֶען גָארְנִישְׁט צוּגֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר עֶר אִיז רַייךְ גֶעוָוארְן מִיט דֶעם אַז דֶער צַדִּיק הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִים אַ 'יִשּׁוּב הַדַּעַת'.

אוּן דֶער בֶּערְגֶער. אִיז אִים גִיפַאלִין אִין זִין אַרַיין. אַז עֶר זָאל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט דֶעם אָרוּם מַאן. מַחְמַת אִיר גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט. וָואס סֶע גִיוֶוען אַזוֹי אַ חִידוּשׁ. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט אֶפְשָׁר וֶועט דְרוֹיף בַּאטַייטִין דֶער חָלוֹם. (וָואס סֶע הָאט זִיךְ אִים גִיחָלְמ'ט) אַז מֶע טְרָאגְט אִיבֶּער זַיינְס צוּם אָרוּמַאן. אוּן פוּן דֶעם אָרוּם מַאן טְרָאגְט מֶען אִיבֶּער צוּם אִים (כַּנַּ"ל) אֶפְשָׁר בַּאטַייט עֶס דְרוֹיף אַז זֵיי וֶועלִין

זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין. וֶועלִין זֵיי אִין אֵיינֶעם אוֹסְגִימִישְׁט וֶוערִין דוּרְךְ דֶעם שִׁידוּךְ.

אַמָאל אִיז דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ אַרַיין גִיקוּמֶען צוּם בֶּערְגֶער. הָאט עֶר עֶס אִיר גִיזָאגְט. אַז עֶר הָאט חֵשֶׁק מִיט אִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין. אוּן אֶפְשָׁר וֶועט דֶערְמִיט מְקוּיָּם וֶוערִין דֶער חָלוֹם כַּנַּ"ל. הָאט זִי אִים גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ אִין זִין גִיהַאט. נָאר אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהַאט קֵיין הָעָזָה. אִיךְ זָאל מִיט אַייךְ דֶערְפוּן שְׁמוּסִין. אַז אִיךְ זָאל מִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אַייךְ. נָאר אַז אִיר ווִילְט. בִּין אִיךְ אַוַודְאַי גְרֵייט. אוּן אִיךְ וֶועל בְּוַודְאַי פוּן אַייךְ נִיט פַארְמַיידִין. וָוארִין אִיךְ הָאבּ זִיךְ גִישְׁווָאוֹירִין אַז גָאר מַיין גוּטְץ אוּן מַיין הַצְלָחָה זָאל פוּן אַייךְ נִיט זַיין פַארְמִיטִין.

## גָאר מַיין גוּטְס אוּן מַיין הַצְלָחָה זָאל נִישְׁט זַיין פַארְמִיטְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ...

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר מוֹהֲרָא"שׁ מִיט דֶעם לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן: "גָאר מַיין גוּטְס אוּן מַיין הַצְלָחָה זָאל נִישְׁט זַיין פַארְמִיטְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ...", הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ, חֵלֶק ג, סִימָן רעא) מִיט דֶעם לָשׁוֹן: **"דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט דֶעם לָשׁוֹן פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת: "גָאר מַיין מַזָּל אוּן הַצְלָחָה זָאל נִישְׁט זַיין פַארְמִיטְן פוּן ..." אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ; נָאר אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן אִיךְ זוּךְ נִישְׁט קֵיין שׁוּם שָׂכָר וְכוּ' וְכוּ', מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'נְס אוֹר אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי אַ זוּן בֶּעט זִיךְ בַּיים טַאטֶען, אוּן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט זַיין חַבֵר, אוּן אוֹיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוֹיבּ עֶר וִויל, אוּן מֶער פוּן דֶעם וִויל אִיךְ נִישְׁט; עַד כַּאן לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ.**

אוּן דֶער זוּן (פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן דִי טָאכְטֶער. הָאבִּין בֵּיידֶע גִילֶערִינְט אִין אֵיין חֶדֶר לְשׁוֹנוֹת אוּן אַנְדֶערֶע זַאכִין אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי זֵיי. אוּן דִי טָאכְטֶער פְלֶעגְט מֶען קוּמֶען זִי זֶעהְן מַחְמַת גְרוֹיס חִידוּשׁ אוּן מֶע הָאט אַלְץ גִישֶׁענְקְט מַתָּנוֹת. בִּיז דֶער אָרוּם מַאן אִיז רַייךְ גִיוָוארִין. אוּן סֶע פְלֶעגִין קוּמֶען שָׂרָרוֹת זִי זֶעהְן. אוּן זִי אִיז זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין. אוּן אִיר שֵׁיינְקֵייט אִיז בַּיי זֵיי אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען. וָוארִין סֶע גָאר נִיט גִיוֶוען קֵיין מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט. אוּן מַחְמַת אִיר ווִילְד גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט. אִיז שָׂרָרוֹת גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט דֶעם אָרוּם מַאן. אוּן אַ שָׂרָרָה וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ זוּן. הָאט עֶר חֵשֶׁק גִיהַאט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִיר. לוֹשְׁמִיר סֶע אִיז דִי שָׂרָרוֹת נִיט אָן גִישְׁטַאנֶען מִיט אִים זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין. (דְהַיְינוּ מִיט דֶעם אָרוּם מַאן) אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי גִימוּזְט זֶעהְן זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ גְרוֹיס מַאכִין (דְהַיְינוּ דֶעם אָרוּם מַאן) אוּן זֵיי הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר זָאל דִינֶען בַּיים קֵיסָר. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין פְרִיר אַ פְּרָאפִּירְטְשִׁיק. אוּן דֶערְנָאךְ הֶעכֶער הֶעכֶער אַלֶע מָאל. וָוארְן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אִים גִיךְ צוּ הֵייבִּין אַלֶע מָאל בִּיז עֶר אִיז גִיךְ גִיוָוארִין אַלֶע מָאל הֶעכֶער הֶעכֶער. בִּיז עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ יֶעדְנִירַאל, אוּן דִי שָׂרָרוֹת הָאבִּין שׁוֹין גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, נָאר סֶע זֶענֶען גִיוֶוען אַסַאךְ שָׂרָרוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין דָאס גִיוָואלְט. וָוארִין אַסַאךְ שָׂרָרוֹת זֶענֶען דְרוֹיף גִיפַאלִין. אוּן הָאבִּין זִיךְ דְרִינֶען גִיפָּארֶעט. צוּ הֵייבִּין אִים אַלֶע מָאל (אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקָאנְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵּךְ זַיין).

## שַׁדְכָנִים לוֹיפְן נָאךְ

דָא אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז, וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס שִׁידוּכִים דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דִי צַייט לוֹיפְט אוּן מֶען קֶען פַארְשְׁפִּילְן דִי צַייט; וִוי גֶעלוּנְגֶען דָאס קִינְד זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אוּן מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט אַז שַׁדְכָנִים

לוֹיפְן נָאךְ וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס הַאלְט נִישְׁט אָן פַאר צוּ לַאנְג. מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אַסַאךְ עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער וָואס וֶוערְן עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט חֲתוּנָה - נָאר וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶעוֶועלְט אוּן גֶעוֶועלְט, אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְוֶועלְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אָרֶעמַאנְ'ס טָאכְטֶער, מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַזוֹיפִיל שִׁידוּכִים בִּיז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵךְ זַיין, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן גוּט אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ, יֶעדֶער ווִיל אִיר נֶעמֶען.

אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקָאנְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵךְ זַיין מַחְמַת דֶעם בֶּערְגֶער. וָוארִין מֶע הָאט שׁוֹין גִישְׁמוּסְט אַז מֶע זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים.

אוּן דֶער אָרוּם מַאן. וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ יֶעדְנִירַאל. הָאט עֶר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען. אוּן דֶער קֵיסָר פְלֶעגְט אִים שִׁיקִין אִין מִלְחָמוֹת אַרַיין. הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען אַלֶע מָאל. הָאט אִים דֶער קֵיסָר נָאךְ הֶעכֶער אוֹיף גִיהוֹיבִין אַלֶע מָאל הֶעכֶער הֶעכֶער. אוּן עֶר הָאט אַלְץ זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען. בִּיז דֶער קֵיסָר אִיז גִישְׁטָארְבִּין. הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מְדִינָה מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז זֵיי זָאלִין אִים מַאכִין פַאר קֵייסָר אוּן סֶע זֶענֶען צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען אַלֶע שָׂרוֹת. אוּן זֵיי הָאבִין אַלֶע מַסְכִּים גִיוֶוען אַז עֶר זָאל זַיין קֵיסָר אִיז עֶר גִיוָוארִין קֵיסָר. (הַיינוּ דֶער אָרוּם מַאן הַנַ"ל אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין קֵיסָר) אוּן עֶר הָאט גִיהַאלְטִין מִלְחָמוֹת. אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט אַיינְגִינוּמֶען מְדִינוֹת. אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער מִלְחָמוֹת גִיהַאלְטִין אוּן הָאט אַלְץ מַצְלִיחַ גִיוֶוען. אוּן הָאט אַלֶע מָאל וַוייטֶער אָפּ גִינוּמֶען מְדִינוֹת. בִּיז דִי אִיבְּרִיקֶע מְדִינוֹת הָאבִּין זִיךְ אַלֵיין אוּנְטֶער גִיגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים מִיט גוּטְן ווִילִין. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן דִי הַצְלָחָה זַיינֶע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. וָוארִין גָאר דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט אוּן גָאר דָאס מַזָל פוּן דֶער וֶועלְט אִיז בַּיי אִים. הָאבְּן זִיךְ אַיין גִיזַאמְלְט אִין אֵיינֶעם אַלֶע מְלָכִים. אוּן הָאבִּין מַסְכִּים גִיוֶוען. אַז עֶר זָאל זַיין אַ קֵיסָר אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיגִיבִּין אַ כְּתַב מִיט גִילְדֶענֶע אוֹתִיּוֹת.

אוּן דֶער קֵיסָר (דְהַיינוּ דֶער אָרוּם מַאן וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין קֵיסָר אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט) הָאט שׁוֹין הַיינְט נִיט גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם בֶּערְגֶער. וָוארִין סֶע שְׁטֵייט נִיט אָן אַ קֵייסָר זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ בֶּערְגֶער. אוּן זַיין וַוייבּ דִי קֵיסָרְטֶע. זִי הָאט נִיט אָפּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם בֶּערְגֶער (דְהַיינוּ זִי הָאט מִיט דֶעם בֶּערְגֶער גִיהַאלְטִין וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פוּן אִירֶעט וֶועגְן כַּנַ"ל).

## מַכִּיר טוֹב זַיין דֶעם צַדִיק

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ פוּן דֶעם עִנְיָן אָבֶּער מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דֶעם נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער קֵיסָר הָאט שׁוֹין הַיינְט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיטְ'ן בֶּערְגִיר וַוייל הַיינְט הָאט אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים, עֶר אִיז דָאךְ שׁוֹין גְרוֹיס גֶעוָוארְן, אָבֶּער זַיין וַוייבּ, דִי קֵיסָרְ'טֶע, זִי הָאט יָא גֶעוָואלְט הַאלְטְן אִיר צוּזָאג אוּן גֶעבְּן אִיר טָאכְטֶער פַאר זַיין זוּן; וַוייל פְרוֹיעֶן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע מַעֲלָה מֶער פוּן מֶענֶער; פְרוֹיעֶן זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער מִיט 'תְּמִימוּת', זֵיי זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער אִין 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'; נָאר נִישְׁט אַלֶע נִיצְן עֶס בַּיי גוּטֶע זַאכְן, גֶעווִיסֶע וֶוערְן שְׁנֶעלֶער פַארְקוֹיפְט צוּ נַארִישֶׁע זַאכְן, אָבֶּער וֶוען זֵיי נִיצְן עֶס בִּקְדֻשָּׁה, אוֹיף צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין צַדִיקִים - זֶענֶען זֵיי דֶערְמִיט שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי מֶענֶער. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר (פֶּרֶק מה) אַז אַהֲרֹן הָאט גֶעטְרַאכְט בַּיי דִי עֵגֶל, אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זָאגְן פַאר דִי אִידְן זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגֶען גֶעלְט וֶועלְן אַלֶע שְׁנֶעל לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען, דֶערְפַאר הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "גֶעבְּט מִיר דִי נָאז בֶּענְדֶער פוּן עֶנְקֶערֶע וַוייבֶּער אוּן קִינְדֶער", טְרַאכְטֶנְדִיג אַז דִי פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער וָואס פַארְמָאגְן אַ שְׁטַארְקֶע מָאס תְּמִימוּת וֶועלְן זִיכֶער עֶס נִישְׁט וֶועלְן גֶעבְּן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה דֶערְמִיט, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן זֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעגְלֵייבְּט אִין משֶׁה רַבֵּינוּ, הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען זֵייעֶר אֵייגֶענֶע נָאז בֶּענְדֶער אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן אוֹיף צוּ מַאכְן דִי עֵגֶל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאצָאלְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַלְס זֵייעֶר יוֹם טוֹב; דָאס אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען אַ דַאנְק זֵייעֶר תְּמִימוּת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, אַז מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ אָפְּצוּלָאזְן דֶעם צַדִיק משֶׁה רַבֵּינוּ אוּן מַאכְן דֶעם עֵגֶל.

דָאס דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ, עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן מַכִּיר טוֹב זַיין דֶעם צַדִיק וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, עֶר זָאל זִיךְ פִירְן ווִי ווִי דֶעם אָרֶעמַאנְ'ס וַוייבּ וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן פַאר אִירֶע אוֹיגְן אוּן גֶעדֶענְקְט דָאס גוּטְס וָואס דֶער בֶּערְגִיר הָאט גֶעטוּן מִיט אִיר.

אַ מֶענְטְשׁ טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם צַדִיק, עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיידֶער עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם צַדִיק, ווִי עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט בַּיי דִי קְלִיפּוֹת אִינְדֶערְהֵיים וְכוּ', זַיין מֹחַ-מַחֲשָׁבָה הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, ווִי אַזוֹי זַיין 'שְׁלוֹם בַּיִת' הָאט אוֹיסְגֶעזֶען, ווִיפִיל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דָארְט - נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, זַיינֶע דִיבּוּרִים, זַיינֶע סְפָרִים, זַיין שְׁפְּרַאךְ - דָאס הָאט הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים אוּן נָאנְט גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיפִיל 'תּוֹרָה' עֶר הָאט אַלְץ גֶעלֶערְנְט זַייט עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם צַדִיק, ווִי שֵׁיין זַיין 'שְׁלוֹם בַּיִת' אִיז גֶעוָוארְן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זַיין וַוייבּ, ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'.

## אֶפְשָׁר אַ אַנְדֶערֶע סָארְט 'קֵיסָר'

מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן אוֹיף דֶעם אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זְכִיָּה אַז מֶען זָאל דָאס זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעדֶענְקְן, וַוייל אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - וֶוערְט עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, זַיין גַאנְצֶע מֹחַ-מַחֲשָׁבָה וֶוערְט גֶעטוֹישְׁט צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן גוּטֶע זַאכְן, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז עֶר הָאט דָאס אַלֶעס בַּאקוּמֶען דוּרְכְ'ן צַדִיק, עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין גְרוֹיס, אִיךְ לֶערְן אוּן אִיךְ דַאוֶוען, אַלֶעס אִיז מִיר בְּסֵדֶר, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הַיינְט גֶעדֶענְקְן דֶעם צַדִיק?!' אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דָאס וָואר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק וֶוערְט בֶּאֱמֶת גְרוֹיס, [מִיר זֶענֶען טַאקֶע נָאכְנִישְׁט גֶעוָוארְן אַ 'קֵיסָר', נָאר אֶפְשָׁר אַ אַנְדֶערֶע סָארְט 'קֵיסָר' וָואס מֶען רוּפְט אָן וֶוען דָאס קִינְד עֶסְט אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל וָואס דִי מַאמֶע הָאט אָנְגֶעגְרֵייט - דָאס זֶענֶען מִיר...], פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז מַיין גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט, מַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דוּרְכְ'ן צַדִיק, דֶער צַדִיק הָאט מִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, מִיר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶר דַארְף שׁוֹין לֵיידֶער נִישְׁט קַיין חִיזוּק...

דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוער הָאט אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן? וֶוער דַארְף דֶעם רֶבִּי'ן? נָאר אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן, עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זִיךְ, עֶס בַּאדֶערְט אִים נָאךְ וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט אִינְזִין דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, עֶס בַּאדֶערְט אִים נָאךְ אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע קוּק, עֶר ווִיל נָאךְ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן

מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אַזַא אֵיינֶער וָואס הָאט נָאךְ גוּטֶע רְצוֹנוֹת, עֶר וִויל נָאךְ זַיין עֶרְלִיךְ - קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר דַארְף חִיזּוּק דֶער רֶבִּי זָאל אִים וַוייזְן דִי וֶועג אוּן מְחַזֵּק זַיין וִוי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אָבֶּער דֶער צְוֵוייטֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט, עֶר פְרֶעגְט: 'פַארְוָואס דַארְפְּסְטוּ דֶעם רֶבִּי'ן?' 'פַארְוָואס בִּיסְטוּ צֶעבְּרָאכְן?' 'וָואס פֶעלְט דִיר?' - אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין לַאנְג אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זִיךְ, אִים בַּאדֶערְט שׁוֹין נִישְׁט דִי סָארְט זַאכְן, זַיין קָאפּ לִיגְט שׁוֹין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אִים אִיז גֶענוּג צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל אוּן אָנְטוּן דֶעם טַלִית אוּן גָארְנִישְׁט מֶער, דֶערְפַאר פְרֶעגְט עֶר לֵיידֶער מִיט רֶעכְט 'פַארְוָואס דַארְף מֶען חִיזּוּק', וַוייל עֶר דַארְף שׁוֹין לֵיידֶער נִישְׁט קַיין חִיזּוּק...

אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב בְּרֶענְט, עֶר וִויל הֶערְן נָאךְ אַ תּוֹרָה, נָאךְ אַ בְּרִיוו אוּן נָאךְ אַ שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער וֶוען עֶס גֵייט אַדוּרךְ אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן - דַאן הֵייבְּט עֶר טְרַאכְטְן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ זוּכְן בַּיים רֶבִּי'ן? אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין מְסוּדָּר?!' אוּן וִוי נָאר עֶס הֵייבְּט אִים אָן אִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶועריִקַייטְן דֶעמָאלְט לוֹיפְט עֶר וַוייטֶער צוּרִיק צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וִויל דֶער רֶבִּי זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין, אִים דֶערְמַאנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס אִיז צוּם גוּטְן.

## יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע וַואסֶער

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ קַאלְטֶע גְלֶעזְל וַואסֶער, וֶוער הָאט אַ גֶעפִיל אִין אַ קַאלְטֶע גְלֶעזְל וַואסֶער? אַ דָארְשְׁטִיגֶער מֶענְטְשׁ! וָואס גֵייט שׁוֹין אַרוּם אַפָּאר טֶעג אִין וַואלְד אָן קַיין טְרִינְקֶען, זַיין צִינְג קְלֶעבְּט שׁוֹין צוּ זַיין מוֹיל, וֶוען עֶר זֶעט פֵיינֶע פְרִישֶׁע קַאלְטֶע וַואסֶער זָאגְט עֶר: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע וַואסֶער", עֶר אִיז זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה, ווידֶערְאוּם דֶער זַאטֶער מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין 'וָואס מַאכְסְטוּ אַזַא רַעשׁ פוּן דִי וַואסֶער? וֶוער דַארְף דֶען וַואסֶער?' עֶר שְׁפֵּייט אַרַיין דֶערִין, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וֶוערְד אִין זַיינֶע אוֹיגְן; אַזוֹי אִיז עֶס מִיט עֶלְטֶערֶער מְקוֹרָב, עֶר גֶעדֶענְקְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וִוי טוּנְקֶל זַיין לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען, אוּן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן אִין אֵיין אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן דֶערְמַאנֶען פוּן וואוּ מֶען קוּמְט אוּן צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אִיז אַ דַאנְק דֶעם צַדִּיק, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת גַּאֲוָה, אוֹת טו): "אֵין לְהִתְגָּאוֹת בְּהַשָּׂגוֹת גְּדוֹלוֹת אוֹ בְּמַעֲשִׂים טוֹבִים, כִּי הַכֹּל עַל-יְדֵי הַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וְהוּא אֵצֶל הַצַּדִּיק כְּעֵט אֵצֶל סוֹפֵר", אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְהַאלְטְן מִיט גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וַוייל אַלֶעס אִיז אַ דַאנְק דֶעם צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי

וִוי דֶער פֶעדֶער אִינֶעם הַאנְט פוּנֶעם סוֹפֵר; וֶוען מֶען זֶעט אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע בִּילְד גֶעפַארְבְּט גָאר וואוּנְדֶערְלִיךְ אוּן שֵׁיין, פַארְשְׁטֵייט מֶען אַלֵיינְס אַז דָאס פֶעדֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְהַאלְטְן 'קוּק וִוי שֵׁיין אִיךְ הָאבּ גֶעמָאלְן דֶעם בִּילְד' דָאס פֶעדֶער אִיז דָאךְ סְתָּם אַ פָּשׁוּט'ע פֶעדֶער, נָאר דֶער קוּנְצְלֶער אִיז דֶער 'מֶעלֶער' וָואס עֶר הָאט בַּאוִויזְן צוּ מָאלְן דֶעם שֵׁיינֶעם בִּילְד, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט'ן מֶענְטְשׁ, אַלֶע זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טוּט אִיז נָאר אַ דַאנְק דֶעם צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי וֶועלְט אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ זִיךְ צוּ גְרוֹיסְן מִיט דִי אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט, וַוייל וָואס דוּ טוּסְט אִיז אַ דַאנְק דֶעם צַדִּיק, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט נָאר דָאס פֶעדֶער וָואס דֶער צַדִּיק שְׁרַייבְּט דֶערְמִיט.

## יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט

דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי 'שְׁלוֹם בַּיִת; פַאר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק זֶענֶען חָתָן כַּלָּה גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְלוֹירְן, בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, בֵּיידֶע הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיז יֶעצְט נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְפְן בֵּיידֶע דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי. פַארְגֶעס נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן.

אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעהֶערְט פוּן הַגָּהַ"צ רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע עֵצָה; יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף פוּן בֶּעט, דוּ גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער - דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט", אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין קִינְדֶער - דַאנְק אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, הָאבּ הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דַיין וַוייבּ אַז זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיר דִיר, זוּךְ דָאס גוּטְס בַּיי אִיר, פְרֵיי זִיךְ מִיט אִיר, זֵיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן אִיר פֶעלֶערְן.

נַארִישֶׁע אִינְגֶעלַייט זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן בֶּעסֶערְס...'; לוֹיט וָואס דוּ בִּיסְט - וָואלְט זִי גֶעקֶענְט טְרֶעפְן בֶּעסֶערְס פוּן דִיר... טוּ תְּשׁוּבָה וֶועט זִי הָאבְּן בֶּעסֶערְס, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען, הֵייבּ אָן דַאוְוענֶען, הֵייבּ אָן הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן - וֶועט דַיין וַוייבּ הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע מַאן. אוּן אַז בֵּיידֶע, דֶער מַאן אוּן וַוייבּ טוּעֶן תְּשׁוּבָה, וֶועלְן בֵּיידֶע הָאבְּן גָאר אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, עֶס וֶועט זֵיי זִיס וֶוערְן דָאס לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

אָבֶּער וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען אִיז פַארְיָאגְט, מֶען אִיז אִין אַ קֵייט, מֶען לוֹיפְט אַ גַאנְצְן טָאג? דַארְף מֶען וִויסְן דָאס אִיז דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר אִיז פַארְיָאגְט, עֶר לוֹיפְט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, עֶר לוֹיפְט אִין מִקְוֶה. עֶס אִיז דָא אַ נִיגוּן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "**וָואס טוּט אַ אִיד אִין גָלוּת? וָואס טוּט אַ אִיד אִין גָלוּת? עֶר לוֹיפְט אִין מִקְוֶה, עֶר לוֹיפְט אִין שׁוּל, דַאוֶוענֶען**"; דָאס אִיז אֱמֶת, וָואס טוּט אַ אִיד אִין גָלוּת? עֶר לוֹיפְט אִין מִקְוֶה, עֶר לוֹיפְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, עֶר לוֹיפְט נָאךְ דִי אַרְבֶּעט צוּם שִׁיעוּר, דֶערְנָאךְ גֵייט עֶר אַהֵיים אַבִּיסְל הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. בִּפְרָט דִי אִינְגֶעלַייט דַארְפְן זִיכֶער הֶעלְפְן, זֵיי הָאבְּן נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער זָאל הֶעלְפְן, עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער אַז מֶען הָאט שׁוֹין הֶעלְפֶערְס, מֶען הָאט שׁוֹין גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען שׁוֹין הֶעלְפְן, דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער דִי פָּאר יָאר וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין, אַלֶע וֵויינֶען אוּן אַלֶע לוֹיפְן וְכוּ' - דַארְף מֶען זַיין אִינְדֶערְהֵיים הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים

וֶוען עֶס קוּמְט צְוֵויי טֶעג יוֹם טוֹב, דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן: 'גֶעוֶענְדִיגְט אִיךְ גֵיי וֶוערְן אַ צַדִּיק, אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג...'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אוּן גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן הָאט אַ שִׁיעוּר.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ שִׁיעוּר אִיז דִי קָאפּ נִישְׁט דָא, מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ טָאג אַרְבֶּעטְן אָבֶּער מִיר הָאבְּן דָאךְ דֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' דַארְפְּסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין זָאג בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא.